# מזכרת

משמחת נישואין

של

## מנחם מענדל ואסתר שיינדל שיחיו
## שיף



י"ב סיון, ה'תשפ"ד

כפר חב"ד, ארצנו הקדושה

ב"ה.

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו, החתן התמים הרב **מנחם מענדל**, והכלה המהוללה מרת **אסתר שיינדל** שיחיו.

התודה והברכה לכל קרובי המשפחה, ידידים ומכירים, שהואילו לבוא לשמוח אתנו ביום שמחת לבבנו, ולברך את החתן והכלה שיחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה ובטוב לבב הננו בזה לכבד את המשתתפים בשמחתנו - על יסוד הנהגת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בחתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא זי"ע - בתשורה מיוחדת, ובה כתבה מה-LNS - Lubavitch News Service (כתבות שהוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר עבור כלי התקשורת ע"ד ליובאַוויטש ופעולותי' בעריכת הרה"ת ר' חיים יהודא שי' קרינסקי באנגלית, ומזמן לזמן גם באידיש בעריכת הרה"ת ר' שלום דובער ע"ה גאָרדאָן) מאחרון של פסח תשכ"ב (באידיש), כשבתחילה באים עלי ההגהה (מוקטנים מעט מגודלם המקורי) ולאחריהם הוקלדו הכתבות הן באידיש והן בתרגום ללשון הקודש.

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך אתכם ואותנו, בתוך כלל אחינו בנ"י יחיו, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחת שיף**      **משפחת לוינזון**

י"ב סיון, ה'תשפ"ד

כפר חב"ד, ארצנו הקדושה

ב"ה

ו

אחרון של פסח ביום

ליובאוויטשער רבין שליט"א

דער [ניגון] אני מאמין בביאת המשיח וועלכן אונזערע
~~צדיקים מיליאנען~~ קדושים האבן געזונגען גייענדיג על קידוש השם
~~האט געבראכט~~ און וועלכער ווערט איצט היינט געזונגען אין אלע אידישע
הייזער און אינסטאנציעס, האט געבראכט א דערנענטערונג צו דעם
באציען פונדאמענטאלן עיקר אין דער אידישער אמונה, און אויך
אפילו צווישן אזעלכע וועלכע ניטש אלע טאג די דרייזן אני
מאמינ'ס. אדער אפשר נאמט טיף די דערנענטערונג צו דעם
גלויבן אין ביאת המשיח פון דעם פאקט וואס ~~דער סאציאליזם~~
~~מאדערניזם~~ [און ציוניזם] און ~~ליבעראליזם~~ אידעעס ~~די~~ פיינען מיליאנס. דורכגעפאלן אין זייער פארמעסט
צו לייזן ~~אנטגילטיג~~ די פראבלעמען פון דער וועלט בכלל און
פון דעם אידישן פאלק בפרט, אלזו דאס אפילו די וועלכע האבן
געהאלטן אויף ~~וועלטליכע~~ [די] אידעעס און מיטלען וועלן ברענגען די וועלט
דערלייזונג צוזאמען מיט דער אידישער גאולה, מוזן היינט
צוקומען צום אלטן סך הכל אז אין לנו להשען אלא על אבינו
שבשמים, מיר האבן ניט אויף וועמען זיך ~~באזן~~ פארלאזן אויסער
אויף אונזער פאטער אין הימל.

[illegible]
טראץ דעם אלעמען איז אפילו ביי ~~אונזערע~~ [illegible] רעליגיעזע
אידן דער ובא לציון גואל מערסטנס א סיגנאל אז די דרשה
איז שוין געענדיגט. דערפאר ווען מיר אבער הערן אז א גאנצע כדי
כלל גאלע צאמט וועלן אויסשליסליך צו דער טעמע פון ביאת המשיח.
די אורחים און גאסט וועלכע האבן געהאט די זכי' צו אנוועזנד זיין
ביי דער אחרון של פסח סעודה ביים ליובאוויטשער רבין שליט"א האבן
בייגעוואוינט די אויסערגעווענליכע ערשיינונג פון א ~~[illegible]~~ [צירק] שטונדיגער
מסיבה ~~פון [illegible] דער פארנעמט ביז הגלה אייניגע~~

2

~~פארטאג~~ וועלכע איז געווען גענצליך געווידמעט צו דער טעמע
פון ביאת המשיח. און אלע שמועסן וואס דער רבי שליט"א האט
גערעדט במשך די [illegible] שטונדען, האט זיך אלעס געקייקלט
ארום איין און דעמזעלבן געדאנק, אז דער אידישער פאלק האט שוין
דורכגעמאכט די אלע פארבערייטונגס פעריאדן פון עקבתא דמשיחא
און חבלי משיח און אז איצט דארפן מיר ערווארטן די ווירקליכע
ערשיינונג פון משיחין אליין אלס אויסלייזער פון דעם גאנצן
אידישן פאלק דורך א גאנצער גאולה במהרה בימינו.

א צייטונגס ארטיקל איז נישט דער פלאץ צו ציטירן די
אלע טיפע חסידישע געדאנקען וועלכע דער רבי האט אנטוויקלט
אין צוזאמענהאנג מיט ביאת המשיח, מיר וועלן דא נאר פרובירן
איבערגעבן דעם תמצית פון איין געדאנק.

מיר אלע לייענען אין די צייטונגען טאג טעגליך וועגן די
ניסים ערפינדונגען ~~אויף דער~~ אויף די געביטן פון טראנספארטאציע
און קאמוניקאציע וואו נסיעות וועלכע וואלטן אמאל געדארפט נעמען
יארן ווערן היינט געמאכט אין שטונדען, וואו ידיעות וועלכע וואלטן
אמאל אנגעקומען אין מאנאטן ווערן היינט איבערגעגעבן במשך פון
סעקונדן. מיר שטייען אלע צוטומלטע נישט וויסנדיג וואוהין און צו
וואס אט דער אויסערגעווענליכער פראגרעס פירט דער מענטשהייט.

ביי דעם ליובאוויטשער רבין וועלכער האט אן [illegible]
און די אלע ערפינדונגען צייגן צו דער לעצטער שטאפּ אין דער צוגרייטונג
צו ביאת המשיח. ווייל די אלגעמיינע גאולה פון דער מענטשהייט ווענדט
זיך אין דער גאולה וואס יעדער איד דארף אויסלייזן די אלע חלקים פון
וועלט וואס ער איז מיט זיי פארבונדן דורך אויסניצן זיי אויף תורה און מצוות
אמאל - זאגט דער רבי - אויב איינער האט געדארפט מתקן זיין [illegible]
זאך וואס האט מיט אים גע'האט א שייכות און איז אבער געווען
ווייט פון אים, האט מען אויף דעם געדארפט מאנאטן און יארן אויף

3

אז ער זאל זיך פארבינדן מיט דער וועלט זאגן אנדער ווער רעדט נאך צו קומען צו איר. היינט אבער - זאגט דער רבי - האבן די ענטוויקלונגען פון טראנספארטאציע און קאמוניקאציע מעגליך געמאכט אז אין סעקונדן זאל זיך א איד פארבינדן מיט דעם ווייטן ארט און דארט דורכפירן וואס ער דארף, און במשך מינוטן אדער העכסטנס שטונדן קען ער דארט אליין זיין און אפטאן דאס וואס ער דארף טאן.

די בעסטע באשטעטיקונג פון דעם רבינ'ס רייד האט מען געהאט באאבאכטענדיג די אלע וואקסנדיגע - און דין הרץ - מסיבה, וועלכע איז פארגרעסערט געווארן פון מינוט צו מינוט. די מסיבה האט זיך אנגעהויבן מיט שיינע עטליכע הונדערט חסידים און תלמידים וועלכע האבן פארבראכט די אנדערע טעג פסח ביים רבין, ואנדער וועלכע וואוינען אין געגנטן פון ניו-יארק פון וואנען עס איז מעגליך צו קומען צופוס. א שטונדע נאך צאת הכוכבים האבן אנגעהויבן פליען הונדערטער אידן וועלכע זיינען אנגעקומען מיט טראבאייס און קארס פון די ~~ברוקלין און~~ שטעט ארום ניו-יארק ווי נוארק, ניו-דזשערזי און פארשידענע שטעטלאך אין לאנג איילאנד.

א שטונדע שפעטער האט מען שוין געזען איינעם פון די חשובסטע עלטערע רבנים אנקומענדיג מיט א גרופע חסידים פון פילאדעלפיע און פארוועלכע עטליכע קארס מיט חסידים פון ניו-הייווען קאנעטיקוט. קורצליך נאך דעם האבן ~~איינגעוויילט~~ אנגעהויבן אנקומען חסידים פון באלטימאר באסטאן און אפילו מאנטריאל, קאנאדע וועלכע זיינען געקומען צופליען מיט עראפלאנען. ~~ת~~

אנקומענדיג האבן זיי געהערט ווי דער רבי רעדט וועגן דעם פסוק אין ישעי' - מי אלה כעב תעופינה וכיונים אל ארובותיהם, ווער זיינען דאס די וואס פליען ווי די וואלקנס און אפילו ווי טויבן אהיים צו זייערע נעסטן, ערקלערנדיג אז דער קיבוץ גליות דורך משיחן וועט געמאכט ווערן מיט די מאדערנסטע טראנספארטאציע מיטלען, נעמענדיג דזשעטס און ראקעטן.

די זעלבע חסידים האבן שוין צום צווייטן סדר געהאט דעם רבינ'ס ערב פסחדיגע שמורה מצה וועלכע איז פאר זיי צוגעשיקט געווארן דורך חברים

4

און פריינט. עיר-מייל ספעשל דעליווערי. ווער ווייסט עס איז ~~עס~~ עס איז
היינטיגע צייטן שווער צו זיין א איד? פונקט פארקערט, [illegible]
די חסידים, עס איז היינט פיל לייכטער צו זיין א איד און אפילו א חסיד.
ריכטיג איז געווען דאס בילד פון צענדליגער בוכארער אידן וועלכע
זיינען געקומען אנגעפירט פון זייער רב אליין א בוכארער, וועלכער איז געווארן
צוגן געווארן צו ליובאוויטש דורך די רוסישע חסידים וועלכע האבן פארבראכט
די מלחמה יארן אין סאמארקאנד /מיט טויזענט/ און היינט איז ער דער גייסטיגער פירער
פון דער בוכארער קהלה אין בארא-פארק. פילע אלטע חסידים וואלטן
זיך געוואונטשן צו קריגן פון רבין די אויפמערקזאמקייט און דעם שמייכל
וואס יעדערער פון די בוכארער אידן האט באקומען פון רבין באגלייטנדיג
לחיים, און לכבוד וועמען דער רבי האט געהייסן זינגען א ספעציעלן
ספרדישן ~~מעלאדיע~~ ניגון.

און אפשר איז נאך מער רירנדיג דאס בילד פון א גרופע
פון ארום צוואנציג קינדער פון א קינדערגארטן אין ניו-דזשוירזי. וואו
אחרון של פסח איז לויט זיי בכלל א קליינער יום-טוב, און וועלכע זיינען
געקומען פון דער צייט אונטער דער אויפזיכט פון זייערע לערער וועלכער
האט אמאל א מאל געזען אין א ליובאוויטשער פראווינץ מוסד, און היינט
האט ער געבראכט זיינע תלמידים אנקוקן אט די הערליכע מסיבה. וואס מען
רעדט דא פארשטייען זיי נישט - ווייל זיי קענען לייבער נישט קיין אידיש -,
דער גאנצער גייסט דא איז עפעס זייער אזוי פרעמד און דאך פילן זיי זיך
אזוי היימיש צוקוקנדיג די ערנסטע פרייד און התלהבות וועלכע שטראלט פון
דעם גאנצן עולם.

ואו, קיינע מחיצות פון לאנד און שפראך קענען נישט אפטיילן
אידן פון זייער מנהיג אין דער צייט ווען עס פארלאנגט זיך די פילצאלע
צונויפגיסונגען צו דעם מאמענט וואס ועשו כולם אגודה אחת - אלע אידן
וועלן זיך פאראייניגן - לעשות רצונך בלבב שלם - צו דערפילן דעם
אייבערשטנס ווילן מיט גאנצן הארצן און דורך דעם ברענגען משיחן אין גיכן.

## אחרון של פסח [ה׳תשכ״ב] ביים ליובאַוויטשער רבי׳ן שליט״א

דער ניגון אני מאמין בביאת המשיח וועלכען אונזערע קדושים האָבן געזונגען גייענדיג על קידוש השם און וועלכער ווערט אויך היינט געזונגען אין אַלע אידישע קרייזן אָן אויסנאַם, האָט געבראַכט אַ דערנענטערונג צו דעם דאָזיגן פונדאַמענטאַלן עיקר אין דער אידישער אמונה, אויך אפילו צווישן אַזעלכע וועלכע זאָגן נישט אַלע טאָג די דרייצן אני מאמינ׳ס. אָדער אפשר נעמט זיך די דערנענטערונג צו דעם גלויבן אין ביאת המשיח פון דעם פאַקט וואָס אַלע וועלטליכע אידעעס און איזם׳מעס זיינען מיאוס דורכגעפאַלן אין זייער פאַרמעסט צו לייזן די פראָבלעמען פון דער וועלט בכלל און פון דעם אידישן פאָלק בפרט, אַזוי דאָס אפילו די וועלכע האָבן געהאַלטן אַז די אידעעס און מיטלען וועלן ברענגען די וועלט דערלייזונג צוזאַמען מיט דער אידישער גאולה, מוזן היינט צוקומען צום אַלטן סך הכל אַז אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים, מיר האָבן זיך ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזן אויסער אויף אונדער פאָטער אין הימל.

טראָץ דעם אַלעמען איז אפילו ביי אַ טייל פון רעליגיעזע אידן דער ובא לציון גואל מערסטענס אַ סיגנאַל אַז אַ דרשה אין שוין געענדיגט. זעלטען ווען איר אָבער הערן אַז אַ גאַנצע רעדע זאָל געווידמעט ווערן אויסשליסליך צו דער טעמע פון ביאת המשיח.

די אורחים און געסט וועלכע האָבן געהאַט די זכיי׳ צו אָנוועזענד זיין ביי דער אחרון של פסח סעודה ביים ליובאַוויטשער רבין שליט״א האָבן בייגעוואַנט די אויסערגעוויינליכע ערשיינונג פון אַ זיבען שטונגידגער מסיבה וועלכע איז געווען גענצליך געווידמעט צו דער טעמע פון ביאת המשיח. אין אַלע שמועסן וואָס דער רבי שליט״א האָט גערעדט במשך פון זיבען שטונדען, האָט זיך אַלץ געקייטעלט אַרום איין און דעמזעלבן געדאַנק, אַז דער אידישער פאָלק האָט שוין דורכגעמאַכט די אַלע פאַרברייטונגס פעריאָדן פון עקבתא דמשיחא און חבלי משיח און אַז איצט דאַרפן מיר ערוואַרטן דיווירקליכע ערשיינונג פון משיח׳ן אַליין אַלס אויסלייזער פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק דורך אַ גאַנצער גאולה במהרה בימינו.

אַ צייטונגס אַרטיקל איז נישט דער פלאַץ צו ציטירן די אַלע טיפע חסידישע געדאַנקען וועלכע דער רבי האָט ענטוויקלט אין צוזאַמענהאַנג מיט ביאת המשיח, מיר וועלן דאָ נאָר פרובירן איבערגעבן דעם תמצית פון איין געדאַנק.

מיר אַלע לייענען אין די צייטונגען טאָג טעגליך וועגן די נייסטע ערפינדונגען אויף די געביטן פון טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע ווי נסיעות וועלכע וואָלטן אַמאָל געדאַרפט נעמען יאָרן ווערן היינט געמאַכט אין שטונדען, ווי ידיעות וועלכע וואָלטן אַמאָל אָנגעקומען אין מאָנאַטן

ווערן היינט איבערגעגעבן במשך פון סעקונדן, מיט שטייען אַלע צוטומעלטע נישט וויסענדיג וואוהין און צו וואָס אָט דער אויסערגעוויינליכער פּראָגרעס פירט דער מענשהייט.

ביי דעם ליובאַוויטשער רבין וועלכער האָט אָן ערשט האַנטגע ידיעה אין די אַלע ערפינדונגען זיינען זיי דער לעצטער עטאַפּ אין דער צוגרייטונג צו ביאת המשיח. ווייל די אַלגעמיינע גאולה פון דער גאַנצער וועלט ווענדט זיך אָן דער גאולה וואָס יעדער איד דאַרף אויסלייזן די אַלע חלקים פון וועלט וואָס ער איז מיט זיי פאַרבונדען דורך אויסנוצן זיי אויף תורה און מצות.

אַמאָל – זאָגט דער רבי – אויב איינער האָט געדאַרפט מתקן זיין אַ געוויסע זאַך וואָס האָט מיט אים געהאַט אַ שייכות און איז אָבער געווען ווייט פון אים, האָט מען אויף דעם געדאַרפט מאָנאַטן און יאָרן אַז ער זאָל זיך פאַרבינדען מיט דער ווייטער זאַך אָדער ווער רעט נאָך צו קומען צו איר. היינט אָבער – זאָגט דער רבי – האָבן די ענטוויקלונגען פון טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע מעגליך געמאַכט אַז אין סעקונדען זאָל זיך אַ איד פאַרבינדען מיט דעם ווייטן אָרט און דאָרט דורכפירן וואָס ער דאַרף, און במשך פון מינוטן אָדער העכסטענס שטונדן קען ער דאָרט אַליין זיין און אָבטאָן דאָס וואָס ער דאַרף טאָן.

די בעסטע באַשטעטיקונג פון דעם רבי'נס רייד האָט מען געהאַט בעאַבאָכטענדיג די אַלץ וואַקסענדיגע – אָן עין הרע – מסיבה, וועלכע איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון מינוט צו מינוט. די מסיבה האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט שיינע עטליכע הונדערט חסידים און תלמידים וועלכע האָבן פאַרבראַכט די אַנדערע טעג פסח ביים רבין, אָדער וועלכע וואָינען אין געגענטן פון ניו-יאָרק פון וואַנען עס איז מעגליך צוקומען צופוס. אַ שטונדע נאָך צאת הכוכבים האָבן אָנגעהויבן פליסן הונדערטער אידן וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט סאָבווייס און קאַרס פון די שטעט אַרום ניו-יאָרק ווי צ.ב.ש. נואַרק, ניו-דזשורסי און פאַרשידענע שטעטלאַך אין לאָנג איילאַנד.

אַ שטונדע שפּעטער האָט מען שוין געזען איינעם פון די חשובסטע עלטערע רבנים אָנקומענדיג מיט אַ גרופּע חסידים פון פילאַדעלפיע און פאַראַלער עטליכע קאַרס מיט חסידים פון ניו-הייווען, קאָנעטיקוט. קירצליך נאָך דעם האָבן אָנגעפאַנגען אָנקומען חסידים פון באָלטימאָר באָסטאָן און אפילו מאָנטריאַל, קאַנעדע וועלכע זיינען געקומען צופליען מיט עראָפּלאַנען.

אַריינקומענדיג האָבן זיי געהערט ווי דער רבי רעדט וועגן דעם פסוק אין ישעי' – מי אלה כעב תעופינה וכיונים אל ארובותיהם, ווער זיינען דאָס די וואָס פליען ווי די וואָלקענס און אַזוי ווי טויבען צו זייערע נעסטן. ערקלערענדיג אַז דער קיבוץ גלויות דורך משיחן וועט געמאַכט ווערן מיט די מאָדערנסטע טראַנספּאָרטאַציע מיטלען, נוצענדיג דזשעטס און ראַקעטן.

די זעלבע חסידים האָבן שוין צום צווייטן סדר געהאַט דעם רבינס ערב פסחדיגע שמורה מצה וועלכע איז זיי צוגעשיקט געוואָרן דורך חברים און פריינט עיר-מעיל ספעשל דעליווערי. ווער זאָגט אַז עס איז היינטיגע צייטן שווער צו זיין אַ איד? פונקט פאַרקערט, ענטפערן אייך די חסידים, עס איז היינט פיל לייכטער צו זיין אַ איד און אויך אַ חסיד.

רירענד איז געווען דאָס בילד פון צענדליגער בוכאַרער אידן וועלכע זיינען געקומען אָנגעפירט פון זייער רב, אַליין אַ בוכאַרער, וועלכער איז צוגעצויגן געוואָרן צו ליובאַוויטש דורך די רוסישע חסידים וועלכע האָבן פאַרבראַכט די מלחמה יאָרן אין סאַמאַרקאַנד און טאַשקענט און היינט איז ער דער גייסטיקער פירער פון דער בוכאַרער קהלה אין באָראָ-פאַרק. פילע אַלטע חסידים וואָלטן זיך געוואונשען צו קריגן פון רבין די אויפמערקזאַמקייט און דעם שמייכל וואָס יעדערער פון די בוכאַרער אידן האָט געקראָגן פון רבין זאָגענדיג לחיים, און לכבוד וועמען דער רבי האָט געהייסן זינגען אַ ספעציעלען ספרדישען ניגון.

און אפשר איז נאָך מער רירענד דאָס בילד פון אַ גרופע פון אַרום צוואַנציג קינדער פון אַ קלענערע שטעטל אין ניו-דזשוירזי, וואו אחרון של פסח איז ליידער בכלל אַ קליינער יום-טוב, און וועלכע זיינען געשטאַנען פון דער זייט אונטער דעם אויפזיכט פון זייערן אַ לערער וועלכער האָט אַמאָל אַ שמעק געטאָן אין אַ ליובאַוויטשער פראָווינץ מוסד, און היינט האָט ער געבראַכט זיינע תלמידים אָנקוקן אָט די הערליכע מסיבה. וואָס מען רעדט דאָ פאַרשטייען זיי נישט – ווייל זיי קענען ליידער נישט קיין אידיש – דער גאַנצער גייסט דאָ איז עפעס זיי אַזוי פרמעד און דאָך פילן זיי זיך אַזוי היימיש צוקוקענדיג די ערנסטע פרייד און התלהבות וועלכע נעמט אַרום דעם גאַנצן עולם.

יאָ, קיינע מחיצות פון לאַנד און שפראַך קענען נישט אָפטיילן אידן פון זייער מנהיג און דער צייט ווען עס פאַרענדיגן זיך די לעצטע צוגרייטונגען צו דעם מאָמענט וואָס ועשו כולם אגודה אחת – אַלע אידן וועל זיך פאַראייניגן – לעשות רצונך בלבב שלם – צו דערפילן דעם אויבערשטנס ווילן מיטן גאַנצן האַרצן און דורך דעם ברייגגען משיח'ן אין גיכן.

---

# חג אחרון של פסח ה'תשכ"ב
# במחיצתו של כ"ק האדמו"ר מליובאוויטש שליט"א

– תרגום חפשי מאידיש –

הניגון "אני מאמין בביאת המשיח", אותו שרו הקדושים הי"ד בדרכם למסור את נפשם על קידוש השם, ושהתקבל בכל תפוצות ישראל ללא יוצא מן הכלל, גרם להיכרות מעמיקה יותר עם עיקר זה באמונה היהודית, גם בקרב קהלים שלא נוהגים לומר זאת מידי יום, בנוסח י"ג עיקרי האמונה להרמב"ם.

או שמא, הקירוב הרעיוני של קהלים הולכים וגדלים לאמונה בביאת המשיח, נובע מקריסת כל האידיאות האחרות והאיזם'ים השונים, שבמשך השנים התיימרו להביא מזור לבעיות הכלל עולמיות באופן כללי ולבעיות של העם היהודי באופן פרטי, כך שגם כל אלו שקיוו שאידיאולוגיות שונות אלו והפתרונות שהם הציעו, יגאלו את העולם מהמשברים בו הוא שרוי, לצד הגאולה היהודית המקווה, חייבים כיום להודות שאין ברירה אלא לחזור למסקנה היהודית הנושנה "אין לנו להישען אלא על אבינו שבשמים".

ולמרות כל זאת, נדמה שעדיין בקרב חלקים מהציבור היהודי הדתי, ה"ובא לציון גואל" נותר בגדר אות הסיום לדרשה ארוכה, ותו לא. נדיר איפוא להאזין לשיחה תורנית מקיפה וארוכה שכל כולה מתחילתה ועד סופה, מוקדשת לנושא זה של ביאת המשיח.

המשתתפים והאורחים, שזכו להיות נוכחים בעת ההתוועדות בסעודת אחרון של פסח, במחיצתו של כ"ק האדמו"ר מליובאוויטש שליט"א, נפעמו לשמוע את שטף הדיבורים שסבבו כולם, במשך שבע שעות רצופות, סביב רעיון אחד ויחיד, ביאת המשיח. במהלך השיחות, שהשמיע הרבי במשך שעות ארוכות אלו, הוא חזר שוב ושוב על הנקודה, שעם ישראל במשך הדורות כבר עבר את כל סוגי התקופות השונות של עקבתא דמשיחא וחבלי משיח, והגיע הזמן לצפות להגעתו של מלך המשיח בעצמו, שיבוא ויגאל את עם ישראל כולו, בגאולה אמיתית ושלימה, במהרה בימינו.

כתבה בעיתון, היא לא המקום בו ניתן להעביר את כל הרעיונות החסידיים העמוקים שהשמיע הרבי בנושא זה של ביאת המשיח, אולם ננסה להעביר כאן לקוראים תמציתו של רעיון אחד לכל הפחות.

כולנו קוראים בעיתונים, יום אחר יום, על ההמצאות האחרונות בתחומי התחבורה והתקשורת, שגורמים שינוי משמעותי בחיינו. כך שנסיעות ממקום למקום שהיו אורכות זמן רב, נעשות בכמה שעות בלבד. או חדשות וידיעות שהיו מגיעות רק לאחר חודשים רבים, מועברות

כעת בשניות ספורות. אנחנו נפעמים אל מול השינויים המהירים הללו, ולא יודעים בדיוק לאן זה יוביל את פני האנושות כולה.

אולם אצל הרבי מליובאוויטש, שיש לו ידיעה בלתי אמצעית ממקור ראשון בכל תחומי החדשנות הללו, הכל מתנקז לשלב האחרון בו מצוי העולם כהכנה לביאת המשיח. וזאת משום שהגאולה הכללית של העולם על יושביו, תלוי ועומד בגאולה הפרטית שעל כל יהודי לפעול, בפדיית הניצוצות הטמונים בחלקי העולם שהוא קשור ושייך אליהם, על ידי שימוש מושכל בהם לקיום התורה והמצוות.

אם פעם בעבר – המשיך הרבי וביאר – כאשר יהודי היה נדרש לתקן דבר מסוים שיש לו שייכות אליו, אך נמצא במרחק ממנו, יכלו לעבור חודשים רבים או שנים ארוכות קודם שיצליח להתחבר לאותו ענין, ומי מדבר על הגעה פיזית אל הדבר כדי לתקנו. אולם כיום – אומר הרבי – ההתפתחויות בתחום התחבורה והתקשורת, מאפשרים ליהודי להתחבר למקום הרחוק בשניות אחדות, ולפעול שם את הדרוש, ועוד יותר, תוך כמה דקות ולכל היותר תוך כמה שעות הוא יכול להגיע פיזית אל המקום, ולפעול שם את הדרוש תיקון.

ההמחשה הטובה ביותר לדבריו של הרבי, היתה הצמיחה המפתיעה במספר המשתתפים, בהתוועדות זו עצמה. סעודת אחרון של פסח החלה בבית הכנסת, בהשתתפות כמה מאות חסידים, ועשרות תלמידי הישיבה ששהו במחיצתו של הרבי כל ימי החג, וגם חסידים שמתגוררים בשכונות אחרות הסמוכות לקראון הייטס, שהגיעו רגלית בשעות האחרונות של החג, למקום התוועדות. אולם כשעה לאחר צאת הכוכבים, החלו לפתע לזרום למקום מאות אורחים חדשים, שהגיעו למקום ברכבת התחתית או ברכבים, מכל רחבי העיר ניו יורק, ואף מערים רחוקות יותר כמו לדוגמא נוארק שבניו ג'רזי, וערים שונות בלונג איילנד.

לא ארכה השעה, ולפתע נראה באולם אחד מזקני וחשובי הרבנים שהגיע כל הדרך מפילדלפיה יחד עם קבוצת חסידים, ואחר כך גם כמה רכבים שהביאו הנה חסידים מניו הייבן שבקונטיקט. זמן לא רב לאחר מכן, נכנסו חסידים מבולטימור, בוסטון, ואפילו כאלו שנחתו במטוס! ממונטריאול שבקנדה.

בעת שנכנסו להיכל בית הכנסת, שמעו איך שהרבי מבאר את דברי הנביא ישעיהו (פרק ס פסוק ח) "מי אלה כעב תעופינה, וכיונים אל ארובותיהם", שכאשר יתרחש נס קיבוץ הגלויות על ידי משיח צדקנו, יגיעו היהודים מכל קצוות תבל, באמצעי התעופה המודרניים, החדשניים והמהירים ביותר, מטוסים וחלליות וכיו"ב.

שמעתי גם שכמה מחסידים אלו, הדרים במרחק שעות נסיעה או טיסה, הספיקו לקבל ל'ליל הסדר' השני פיסת מצה שמורה מהמצות שנאפו עבור הרבי בערב פסח לאחר חצות, ונשלחו

אליהם על ידי ידידים שהיו במקום, במשלוח מיוחד בדואר אוויר. אז מי עדיין טוען שקשה להיות יהודי בימינו? להיפך – עונים לך החסידים בלהט – כיום, הרבה יותר קל להיות גם יהודי המקפיד על קלה כבחמורה, וגם חסיד אדוק.

תמונה שצדה את עיני במיוחד, היתה דמותם של עשרות יהודים מהעדה הבוכרית, שהגיעו למקום בראשות מורם ורבם, בעצמו בן לעדה זו, שהתקרב לליובאוויטש על ידי החסידים שנמלטו בשנות המלחמה ברוסיה, ושהו בערים סמרקנד וטשקנט שבמדינת בוכרה, וכיום משמש כרב הקהילה הבוכרית בשכונת בורו פארק הסמוכה. הרבה חסידים ותיקים, היו מייחלים לקבל את תשומת הלב, והחיוך המיוחד שקיבל כל אחד מיהודי בוכרה הללו, כאשר פנו אל הרבי באמירת ׳לחיים׳, ושלכבודם ציוה הרבי במיוחד שהקהל ינגן ׳א ספרדישען ניגון׳.

ואולי אף יותר נוגע ללב, הוא המחזה של כעשרים נערים צעירים, מעיירה קטנה בניו ג׳רזי, שם בדרך כלל אחרון של פסח נחוג בצורה צנועה וקטנה יותר, שעמדו בהתוועדות בפינת האולם תחת השגחת המורה שלהם, שבעבר יצא לו להיכנס ולהתרשם ממוסד חב״די באחד הפרברים, וכעת החליט לבוא בראשות תלמידיו להתוועדות של הרבי. נדמה שהם לא מבינים כלל את מה שהרבי מדבר, היות שאינם מכירים את השפה בה הם נאמרים שפת היידיש, ובכלל האווירה כאן זה משהו שהם לא מכירים מהבית. ובכל זאת, הם נסחפים אחר האווירה החמה והמרוממת, ובכל רגע ההתלהבות והשמחה שלהם גוברת יחד עם הקהל כולו.

נראה אם כן, שלא הבדלי שפה ולא מרחקים גאוגרפיים, יכולים להוות חיץ בין יהודים מכל הסוגים והחוגים לבין מנהיג העם היהודי, במיוחד ברגעים האחרונים של הגלות, כאשר עסוקים בהכנות האחרונות, לקראת אותו הזמן בו ״ויעשו כולם אגודה אחת, לעשות רצונך בלבב שלם״, ועל ידי כך מחישים את בואה של הגאולה האמיתית והשלימה, בקרוב ממש.

לזכות

החתן הת' הרב **מנחם מענדל** והכלה מרת **אסתר שיינדל** שיחיו

**שיף**

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

י"ב סיון, ה'תשפ"ד

נדפס על ידי ולזכות הוריהם וזקניהם שיחיו